STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04814

DER KONGRES FUN DI FAREYNIGTE SHTATEN

Harry Rogoff

Permanent preservation of this book was made possible
by Elaine Zamarin
in memory of
her beloved husband, Albert A. Zamarin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער קאָנגרעס פון די פאַראייניגטע שטאַטען

(וואָס ער איז און וואָס ער קען זיין)

פון

הלל ראָגאָף

אַרויסגעגעבען פון

אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד

פאַרלאַג „וועקער", 175 איסט בראָדוויי,

סעפטעמבער, 1930

דער קאָנגרעס פון די פאַראייניגטע שטאַטען

אין אַ סך וויכטיגע פּרטים איז דער קאָנגרעס היינט אַנדערש ווי ער האָט געדאַרפט זיין, לויט די באַגריפען און לויט דעם ווילען פון די פאַרפאַסער פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע. די צייט האָט אויפ'ן קאָנגרעס געהאַט אַ ווירקונג. האָט איהם איבערגעמאַכט און אין איהם אַריינגעזעצט אַן אַנדער נשמה.

דער געדאַנק פון די פאַרפאַסער פון דער קאָנסטיטוציע איז געוועזן אַזאַ:

דער קאָנגרעס דאַרף זיין איינגעטיילט אין צוויי הייזער. דאָס אויבערשטע הויז, דער סענאַט, זאָל פאַרטרעטען די באַזונ־דערע שטאַאַטען, זאָל זיך אָפּגעבען מעהר מיט אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, הויפּטזעכליך מיט אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען. די נידעריגערע הויז, דאָס האַוז אָוו רעפּרע־זענטיימיווס זאָל פאַרטרעטען דעם פאָלק, זאָל זיך אָפּגעבען איבערהויפּט מיט אינערליכע און טאָג־פראַגען. דער סענאַט האָט געדאַרפט זיין וואָס ווייטער אָפּגערוקט פון דעם איינפלוס פון די גרויסע מאַסען, דאָס האַוז אָוו רעפּרעזענטיימיווס האָט געדאַרפט זיין אינטים, אונמיטעלבאַר, פאַרבונדען מיט די גרויסע מאַסען. דערפאַר האָט די קאָנסטיטוציע פאַרגעשריבען, אַז דער סענאַט זאָל ערוועהלט ווערען אויף אַ טערמין פון זעקס יאָהר און דאָס „הויז" אויף אַ טערמין פון בלויז צוויי יאָהר; דער סענאַט זאָל געביטען ווערען ניט מיט אַמאָל נאָר טייל־ווייז, איין דריטעל אַלע צוויי יאָר און דאָס „הויז" זאָל געביטען ווערען מיט אַמאָל יעדע צוויי יאָהר; אין סענאַט זאָל די פאַר־טרעטערשאַפט זיין לויט די סטייטס, אַ קליינער סטייט זאָל האָבען די זעלבע צוויי פאַרשטעהער ווי אַ גרויסער. אין

קאנגרעס זאל די פארטרעטערשאפט זיין לויט דער באפעל־קערונג, לויט דער צאהל מענשען אין דעם סטייט.

אין די ערשטע יאהרען פון דער רעגירונג האט דאס פאלק זיך כמעט ווי גארניט אינטערעסירט מיט דעם סענאט. א שטיק צייט האט דער סענאט זיך באטראכט אלס א צווייג פון דער עקזעקוטיווע, אלס א מין ראטה צום פרעזידענט. ער פלעגט זאגאר פיהרען זיינע זיצונגען הינטער פארשלאסענע טיהרען. ער האט אויף זיך געקוקט ווי אויף א האוז אוו לארדס. דאס „הויז" איז אבער געווען אפען פאר'ן פאלק. דארטען זיינען פארגעקומען די גרויסע פאליטישע שלאכטען.

ווען מיסטער דזשאהן קווינסי עדעמס האט באשלאסען צו געהן אלס פארשטעהער אין קאנגרעס, נאכדעם ווי ער האט פארענדיגט זיין טערמין אלס פרעזידענט, האט ער אויסגע־קליבען ניט דעם סענאט, נאר די הויז. די גרויסע באריהמטע שטאטסלייט אין דער אמעריקאנער געשיכטע פון דער ערשטער העלפט פון נייגצענטען יאהרהונדערט, ווי צום ביישפיל, הענרעי קלעי, דזשאהן קאלהון און דעניעל וועבסטער, האבען זיך ערווארבען זייער נאציאנאלע באריהמטקייט ווי מיטגלידער פון דער נידעריגער הויז פון קאנגרעס.

אפילו אין די שפעטערע יאהרען איז די באציהונג פון גרויסען עולם צו די צוויי הייזער געווען אונגעפעהר די זעלבע ווי פריהער. אין סענאט זיינען געזעסען רייכע לייט, פאר־שטעהער פון גרויסע געלד אינסטיטוציעס און מעכטיגע פא־ליטישע פארטיי פיהרער. א שטיק צייט האט מען דעם סענאט זאגאר גערופען דער מיליאנערסקער קלוב, און אין דער נידע־ריגערער הויז זיינען שוין געזעסען פאלקס פארטרעטער, מאנכע גאנץ ארימע מענשען, וואס האבען ניט געקענט דעקען זייערע הוצאות. דער עולם האט געהאט ווייניג צוטרויען צום סענאט און געלעגט זיינע האפנונגען אויף דער „הויז".

אין די לעצטע יאהרען האט זיך דאס אין גאנצען געביטען. דאס „הויז" האט פארלארען די וויכטיגקייט, האט פארלארען

דעם צוטרויען פון פאלק, האט פארלארען איהר פלאץ אין דעם רעגירונגס אפאראט פון לאנד.

עס געהען איצט אוועק וואכען און מאנאטען און אמאל גאנצע זיצונגען, אהן א וויכטיגער רעדע אין „הויז". פון אינטערעסאנטע דעבאטען און דיסקוסיעס איז שוין אפגערעדט. אין דער גאנצער „הויז" פון אן ערך פיר הונדערט און פופציג מיטגלידער זיינען ניטא קיין צעהנדליג, וואס האבען זיך גע־שאפען א רעפוטאציע איבערן לאנד, און צווישען דעם צעהנדליג זיינען ניטא קיין העלפט, וועמען דאס פאלק זאל ליב האבען און אכטען ווי פריינד און פארקעמפער. עס זיצען דארטען צעהנדליגע מיטגלידער, וועלכע זיינען ניט מעהר ווי „דאמים", וואס עפענען קיין מאל ניט קיין מויל ניט, וואס קומען זעלטען צו די זיצונגען, וואס האבען ניט דעם מינדעסטען אניטערעס און אפט אויך ניט דעם מינדעסטען וויסען פון די פראגען וועלכע ווערען דארטען פארהאנדעלט.

אויב עס איז נאך פארבליבען א געוויסע מאס פון ערנסט און אינטעליגענץ און פאראנטווארטליכקייט אין דער געזעץ־מאכונג אין וואשינגטאן, געפינט מען עס אין סענאט. דארטען זיצען היינט, אמת, א קליינע צאהל סענאטארען, וואס הויבען אויף זייער שטימע צו פארטיידיגען דעם פאלק געגען דער מאכט פון קאפיטאל, צו פארטיידיגען פרייהייט געגען רעאקציע, צו פיטאל, צו פארטיידיגען פרייהייט געגען רעאקציע, צו פאר־טיידיגען רעכט געגען מאכט. דארטען הערט מען אפט אן אינ־טערעסאנטע רעדע, א וויכטיגע דעבאטע, דארטען ווערען פרא־גען פארהאנדעלט מעהר אדער ווייניגער אויספיהרליך, דארטען פאסירט זאגאר, אז א פראגרעסיווער בילל זאל אנגענומען ווערען געגען דעם ווילען פון די פאליטישע מאשינען, אדער אז א רע־אקציאנערער אפאינטמענט פון פרעזידענט זאל צוריקגעוויזען ווערען.

וואס האט מיטגעבראכט די גרויסע ענדערונג? ווי אזוי האט עס פאסירט, אז יענע קערפערשאפט, איבער וועלכע דאס פאלק האט געהאט די הויפט דעה, וועלכע איז ספעציעל

געשטעלט געווארען אונטער דער אויפזיכט פון די מאסען, וועלכע מוז יעדע צוויי יאהר אפגעבען דין וחשבון פאר זייערע מעשים צו די וואוטערס — ווי אזוי איז דאס געשעהן, אז גראד די קערפערשאפט זאל אזוי נידריג זינקען אין איהר פאליטישער מאראל.

דער ענטפער אויף דעם איז די פאליטישע מאשין.

* * *

די נידריגע „הויז" איז אנגעגריפען געווארען פון די פאליטישע באסעס איבער דער גאנצער לניע, און זי איז פון זיי באזיגט געווארען. אנפאנגענדיג פון די נאמינייזשאנס אין די קאנגרעס דיסטריקטען און ענדיגענדיג מיט דאס ווארט אויף'ן פלאר פון דער „הויז" אין וואשינגטאן — איבעראל האט דער קאנגרעס געמוזט אנקומען צום פאליטישען, צום באס. אהן דעם גוטען ווילען פון דער מאשין האט ער זיך ערגעץ ניט געקענט א ריהר טאן. ער איז ניט־ווילענדיג און ניט־וויסענדיג פארוואנדעלט געווארען אין אן אטאמאט, אין א גולם, וואס לעבט און ווירקט מיט'ן שווארצען כח פון דעם פאליטישען באס.

לאמיר נעהמען דעם דורכשניטליכען קאנגרעסמאן און באטראכטען זיין קאריערע פון דעם טאג אן, וואס ער געהט אריין אין פאליטיק, ביז וואנען ער ווערט א תושב אין דער „הויז", א וועטעראן אין קאנגרעס.

די נאמינייזשאן קריגט ער פון דעם פאליטישען באס פון זיין קאנגרעס דיסטריקט. דער דיסטריקט באס איז געוועהנליך א ביליגער פאליטישען, וועלכער איז אין פאליטיק פאר ביזנעס, אפט לאזט ער זיך שעהן באצאהלען פאר דער נאמינייזשאן. אין יעדען פאל ערווארט ער, אז דער קאנדידאט זאל איהם אפדינען מיט טובות אין וואשינגטאן. עס פאסירט זעהר זעלטען, אז דער דיסטריקט באס זאל זיך רעכענען מיט די פעהיגקייטען און מיט דער מאראלער הויך פון דעם קאנדידאט. דאס קען פאסירען בלויז אין א דיסטריקט וואו ביידע פארטייען זיינען שטארק און יעדער פון די באסעס האט מורא, אז דער געגנער

זאָל ניט אויסקלייבען אַ קאַנדידאַט מיט אַ רעפּוטאַציע. אין יענע דיסטריקטען אָבער, וואו די פּאַרטיי איז מעהר אָדער ווייניגער זיכער מיט אַ מאַיאָריטעט, ווערען די פעהיגקייטען און די מאָראַל פון דעם קאַנדידאַט ניט גענומען אין אַנבעטראַכט. דער באָס, וואָס מאַכט די נאָמינײשאַן, רעכענט זיך מיט גאַנץ אַנדערע פאָדערונגען, אַזוינע וואָס האָבען פאַר איהם און פאַר זיינע פּאָליטישע פריינד אַ פּראַקטישען ווערטה.

אין צייט פון קאַמפּיין מוז דער קאַנדידאַט ענטוועדער אַליין קריגען קאַמפּיין פאָנדס, אָדער ערלויבען דעם פּאָלי־טישען באָס דאָס צו טאָן פאַר איהם. צו וועמען ווענדען זיי זיך נאָך געלט? ווידער אַמאָל צו מענשען, וואָס קענען ער־וואַרטען טובות פון דעם קאַנדידאַט, אָדער צו אַזוינע, וואָס וואָגען ניט אָפּצוזאָגען דעם פּאָליטישען באָס. דער קאַנדידאַט ווערט דורך די קאַמפּיין ביישטייערונגען געבונדען הענט און פיס און מוז פאָלגען אי דעם באָס, אי די געלט מענשען פון זיין דיסטריקט. זיי נאָמינירען איהם, זיי ערוועהלען איהם. דאָס פאָלק, די מאַסען בירגער, וואָס שטימען פאַר איהם, האָ־בען מיט דער גאַנצער געשיכטע ווייניג וואָס צו טאָן. זיי קומען נאָך אַלעמען. זיי קומען זאָגען אָמן פאַר אַ חזן, וועמען די בעלי בתים האָבען פאַר זיי געדונגען.

ווען דער ערוועהלטער קאָנגרעסמאַן קומט ענדליך אין וואַשינגטאָן, באַגעגענט ער נאָך אַ שווערערע לאַגע. דאָרטען ווערט זיין פּערזענליכקייט אין גאַנצען פאַרניכטעט. ער איז אַזוי ווי אַ קליין אינגעל, וואָס געהט אין חדר; פאָלגט ער דעם רבי'ן, קריגט ער אַ קניפּ אין בעקעל, אויב ניט, כאַפּט ער שמיץ אויף וואָס די וועלט שטעהט.

די אַרבייט אין דער „הויז" איז אַזוי אָרגאַניזירט, אַז דער איינצעלנער מיטגליד זעהט זיך כמעט ווי ניט אָן. אַלעס ווערט געפיהרט פון דעם „ספּיקער" (טשערמאַן) און זיינע ליוטענאַנטען. די קליינע גרופּע דיקטאַטאָרס ווערען ערוועהלט ביי אַ קאַקוס פון די קאָנגרעס מיטגלידער פון דער מאַיאָריטעט פּאַרטיי. דאָס איז

אבער בלויז נאמינאל אזוי. אין דער ווירקליכקייט ווערען זיי באשטימט פון דער מאשין, פון די פארטיי באסעס. די מאשין פון דער מאיאריטעט פארטיי געוועלטיגט איבער דעם קאנגרעס דורך איהרע דיקטאטארס אין דער קערפערשאפט.

דער „ספיקער" מיט זיינע ליוטענאנטען באשטימען אין וועלכע קאמיטעס יעדער מיטגליד זאל זיצען. זיי באשטימען אויך, ווער עס זאל האבען די מעגליכקייט צו זיין א וואר־ זאגער אין קאנגרעס, וועלכער קאנגרעסמאן זאל אריינטראגען וויכטיגע אדמיניסטריישאן בילס און זאל דורכדעם קריגען די נויטיגע פובליסיטי. א קאנגרעסמאן וואס געהט ניט אין שפאן ווערט פאקטיש געטויט אלס קאנגרעסמאן: די קליקע דיק־ טאטארס קען איהם פארוואנדלען אין א נול. זיינע בילס ווערען דערשטיקט אין דער קאמיטע, זיין רעדע צייט ווערט באגרענצט צו א מינימום. ער ווערט אריינגעזעצט אין קאמיטעס, וואס פונקציאנירען ניט, אדער וואס גיבען זיך אפ מיט פראגען אין וועלכע די גרויסע מאסען אין לאנד האבען ניט קיין אינטערעס.

דאס איז נאך ניט אלץ. די פארטיי באסעס אין וואשינגטאן האבען מיטלען ווי אזוי צו ווירקען אויף דער פאליטישער אר־ גאניזאציע אין דעם קאנגרעסמאן'ס דיסטריקט, אז זי זאל איהם צווינגען זיי צו פאלגען.

ווי שוין געזאגט, מוז יעדער קאנגרעסמאן זיין גרייט צו טאן טובות צו זיינע לאקאלע פארטיי מענשען, צו די דיסט־ ריקט פאליטישענס און צו די קאמפיין געלד געבער. ער מוז אויך האבען די מעגליכקייט צו קריגען „פייווארס" פאר וואו־ טערס אין זיין דיסטריקט, ווען זיי ווענדען זיך צו איהם.

די טובות און „פייווארס" זיינען פון פארשידענע סאר־ טען. מאנכע האבען צו טאן מיט דאס וואס מען רופט אויף דער פאליטישער שפראך „פארק", חזיר פלייש. דער קאנגרעס־ מאן דארף זעהן אויסווירקען, אז דער קאנגרעס זאל באשטימען צו ספענדען געלד אין זיין דיסטריקט, אדער אין זיין שטאדט; בויען דארטען א רעגירונגס געביידע, אויסבעסערן דארטען

אַ טייך, אָדער אַ האַפען, עפענען דאָרטען אַ ברענטש פון אַ רעגירונגס אָפיס און דאָס גלייכען; אריינברייננגען, הייסט עס, פרנסה אין זיין היים פּלאַץ. עס פאַרשטעהט זיך, אַז פון אַזוינע טובות געניסען דירעקט די פּאָליטישענס און זייערע פריינד. זיי באַקומען די קאָנטראַקטען אויף די בוי אַרבייט, זיי באַקומען די נייע דזשאָבס, די נייע אַפּאָינטמענטס.

אַנדערע טובות זיינען פון קלענערער באַדייטונג. ער העלפט אַרויס אַ וואוטער פון זיין דיסטריקט, וועלכער איז אין טראָבעל מיט דעם אינקאַם טעקס אָפיס, מיט דעם פּראָהיבישאָן דעפּאַרטמענט, מיט אַ באַנקראָט קיים. איהם קומט אויס צו ווענדען זיך מיט די אַנגעלעגענהייטען צו די פאַרשיידענע דע־פּאַרטמענטס פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג. אַהין קען ער אַליין ניט קומען. דאָס מוז געטאָן ווערען דורך דער אָרגאַניזאַ־ציע, דורך דער מאַשין, דורך די פּאָליטישענס.

אום די אַלע טובות צו קריגען, מוז דער קאָנגרעסמאַן ווערן אַ טייל פון דער מאַשין. ער מוז פאָלגען די פּאָליטישענס, מוז טאָן וואָס די מאַשין פאָדערט פון איהם ווען מען דאַרף שטימען פאַר בילס. ער מוז זיין אַ „געהאָרכזאַמער באָי“.

דאָס איז די לאַגע איצטער אין דעם נידעריגערען צווייג פון קאָנגרעס, אין דער „הויז“. פאַר אַן אונאַבהענגיגען מענשען, פאַר אַ פּרינציפּיעלען מענשען איז אונמעגליך צו האָבען אַ קיום אין קאָנגרעס. פאַר אַזאַ מענשען איז כמעט אונמעגליך אין קאָנגרעס אריינצוקומען, און ווען עס פּאַסירט, אַז אַזאַ מענש רייסט זיך דאָרטען אריין, איז פאַר איהם אונמעגליך דאָרטען עפּעס אויפצוטהאָן. ער קען דאָרטען דעם קאָפּ ניט אויפהויבען.

* * *

דער קאָנגרעס וואָס האָט געשלאָסען זיין זיצונג דעם זומער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין לאַקייאישע געהאָרכזאַמקייט צו די מאַשין באָסעס. אַ גאַנצע רייהע פון העכסט וויכטיגע פראַגען זיינען פאַר דעם קאָנגרעס געלעגען. עס זיינען דורכ־געפיהרט געוואָרען אַ פאַרמערס ביל און אַ טאַריף ביל, וועלכע האָבען אַרויסגערופען די היציגסטע מיינונגס־פאַרשיידענהייטען

איבערן גאַנצן לאַנד. אין סענאַט זיינען פאָרגעקומען שטורמדיגע דעבאַטעס און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז די אַדמיניסטריישאַן זאָל אין ביידע פּראָיעקטן דורכפאַלן. אין דעם „הויז" אָבער איז אַלעם דורכגעגאַנגען שטיל און רוהיג. כמעט אַלע האָבן דאָרטן געשטימט ווי די באַסעס האָבן געהייסן.

מאַנאַטן לאַנג איז דאָס „הויז" געזעסן נאָכדעם ווי דער קריזיס האָט אויסגעבראָכן און זיך צובושעוועט איבערן לאַנד. די „הויז" מיטגלידער זיינען די דירעקטע פאַרטרעטער פון די מאַסן, וועלכע זיינען פון דעם קריזיס געטראָפן געוואָרן. זיי האָבן זיך די ערשטע געדאַרפט אָפּרופן אויף דער לאַגע. זיי האָבן די ערשטע געדאַרפט פאַרנעהמען דעם נויט געשריי פון די מאַסן.

וואָס האָבן זיי געטאָן וועגן דעם קריזיס, וועגן דער גרויסער אַרבייטסלאָזיגקייט, וועגן דער נויט פון די גרויסע מאַסן מיט וועמענס שיקזאַל זיי זיינען אַנפערטרויט געוואָרן? גאַרניט.

די פראַגע פון דעם קריזיס איז פאַרהאַנדעלט געוואָרן אין יענע צווייגן פון דער רעגירונג, וועלכע דאַרפן זיין די אין אַזוינע פאַלן. זי איז פאַרשפּעטערדיגע צו פיגורירן אין אַזוינע פאַלן. זי איז פאַר־ האַנדעלט געוואָרן ביי קאָנפערענצן, וואָס דער פּרעזידענט האָט פאַררופן; זי איז געבאַטירט געוואָרן אין רעדעס פון פּראָגרעסיווע סענאַטאָרן. עס איז אמת, אַז קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן האָבן די קאָנפערענצן און די דעבאַטען ניט געבראַכט. אָבער צום ווייניגסטענס האָט מען אין יענע צווייגן פון דער רעגירונג אַנערקענט, אַז די פראַגע עקזיסטירט, אַז זי פאָדערט אויפמערקזאַמקייט: אין דעם „הויז" איז זי אָבער כמעט אין גאַנצן איגנאָרירט געוואָרן. אין דעם „הויז", און ספּעציעל פאַר די וואָרט פיהרער דאָרטן, איז די פראַגע געווען אַ צוטשעפּעניש.

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט אַזוינע פּראָבלעמען ווי איבער פּאָוער, פראַגן אָנגעווייטאָגטע, וועלכע ריהרען אָן די לעבענס און דעם שיקזאַל פון מיליאָנען און מיליאָנען פון די

מאַסען. אין סענאַט זיינען אַריינגעטראַגען געוואָרען בילס וועגען די אַלע פראַגען, עס זיינען וועגען זיי געהאַלטען געוואָרען אַפּטע רעדעס. אין דער „הויז“ אָבער, האָט זיך מיט זיי קיינער ניט אינטערעסירט. אויב איינער אַ קאָנגרעסמאַן האָט אין קאָרב אַריינגעוואָרפען אַ ביל וועגען די פראַגען, האָט זיך קיינער ניט געקימערט, קיינער האָט ניט געבאַדערט. די בילס זיינען אין די קאָמיטעס דערשטיקט געוואָרען.

די עקאָנאָמישע אומשטענדען פון פאָריגען יאָהר האָבען גע־פאָדערט אַז אמת'ע פאָלקס פאָרטרעטערשאַפט אין דעם „הויז“, פאָרטרעטער, וואָס פאַרשטעהען די עקאָנאָמישע אומשטענדען, וואָס האָבען אַ מיינונג, וואָס האָבען אַ פראָגראַם ווי אַזוי די פּראָבלעמען צו לעזען. עס האָט זיך געפאָדערט אַ פאָרטרעטער־שאַפט פון מענשען וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם לעבען און וואָהלזיין פון די מאַסען, וואָס האָבען זיי אין קאָנ־גרעס געשיקט. ווען אין קאָנגרעס וואָלטען אַזוינע פאַרשטעהער געזעסען, וואָלט דאָס לאַנד געקאָכט, געשטורעמט מיט די אַלע פּראָבלעמען. יעדע זיצונג פון דעם „הויז“ וואָלט אויפגערודערט דאָס לאַנד. דורך אַזוינע פאַרשטעהער וואָלטען גערעדט די הונגעריגע אַרבייטסלאָזע אין די שטעדט און שטעדטלעך, די פאַראָרימטע אויף די פאַרמס, די רואינירטע קליינע ביזנעס־לייט. דורך זייער מויל וואָלטען די אַרבייטסלאָזע געפאָדערט ברויט און אַרבייט; די פאַרמערס וואָלטען געפאָדערט שוץ געגען די באַנקירען און ספּעקולאַנטען, די קליינע הענדלער וואָל־טען זיך געוועהרט געגען די טשעינס און די טראָסטס.

דאָס „הויז“ איז געבליבען שטיל, שטום. און שטיל און שטום זיינען אויך געבליבען די מאַסען אומגליקליכע. זייערע קאָנגרעס־לייט, זייערע פאַרשטעהער האָבען זיך צוגעהערט ניט צו די מענ־שען, וואָס האָבען זיי ערוועהלט, נאָר צו דעם ווילען און די באַפעהלע פון די פּאָליטישענס און קאַמפּיין געלד געבער. פאַר יענע הערען איז קיין אַרבייטסלאָזע פראַגע ניט געווען, פאַר יענע הערען זיינען קיינמאָל קיין אַרבייטער פראַגען, קיין פראַ־גען פון יושר און גערעכטיגקייט פאַר די מאַסען ניטאָ.

* * *

דער קאָנגרעס האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פאָלקס טריבונע

זייט די פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען ארויס פון אונטער דעם קאָנטראָל פון די מאַסען און זיינען געוואָרען דאָס געשעפט־אייגנטום פון קליקעס פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטישענס. די קאָנגרעסלייט זיינען היינט די אַגענטען פון די פּאָליטישענס, און די פּאָליטישענס זיינען די אַגענטען פון די רייכע לייט, וואָס האָבען אין זיי זייערע אינוועסטמענטס, וואָס האַלטען אין זיי זייערע אַקציעס.

איידער דער קאָנגרעס קען צוריק ווערען אַ פּאָלקס טריבונע, מוזען די פּאָליטישע פּאַרטייען ווידער ווערען פּאָלקס אָרגאַניזאַציעס. די אַלטע פּאַרטייען, די גרויסע פּאַרטייען קענען עס ניט ווערען, ווייל זיי זיינען פאַר׳משכן׳ט צו די קליקעס פּריוואַט אייגענטימער. זיי קענען ניט ווערען קיין פּאָלקס פּאַרטייען צוליב אַ צווייטער אורזאַכע, ווייל זייער פּראָגראַם, זייערע גרונד־פּרינציפּען זיינען נעגען די אינטערעסען פון די מאַסען. זיי שטעהען פאַר פּראָגראַמען אונטער וועלכע בלויז די באַזיצער פון די אוצרות פון לאַנד קענען זיך אונטערשרייבען. ווען אפילו די טירען פון די פּאַרטייען וואָלטען געשטאַנען ברייט אָפען צו די מאַסען, וואָלטען די מאַסען אַהין ניט אַריין. זיי וואָלטען דאָרטען ניט געפינען וואָס צו טאָן, זיי וואָלטען זיך געפילט ווי אין אַ פרעמדער היים, מיט פאַרנומענע טישען.

די איינציגע פּאַרטיי אין אַמעריקא, וואָס איז ווירקליך אַ פּאָלקס פּאַרטיי, וואָס איז געבויט פון די מאַסען פאַר די מאַסען, איז די סאָציאַליסטישע. זי איז לכתחילה אָרגאַניזירט געוואָרען צו פאַרענטפערען און לעזען די פּראָבלעמען וועגען וועלכע די אַלטע גרויסע פּאַרטייען ווילען ניט און קענען ניט טראַכטען.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אין קאָנגרעס געהאַט איינציגע פאָרשטעהער אין פאַרלויף פון עטליכע טערמינען. דאָרטען איז זעקס יאָהר געזעסען דער פאָרשטאָרבענער מאיר לאָנדאָן, און אונגעפעהר אַן עהנליכע צאָהל יאָהרען איז דאָרטען געזעסען דער פאָרשטאָרבענער וויקטאָר בערגער. לאָנדאָן האָט פאַרטראָטען דעם אידישען אַרבייטער קוואַרטאַל פון ניו יאָרק, און בערגער איז געווען דער פאַרטרעטער פון די אַרבייטער דיסטריקטען אין מילוואָקי.

און מערקווירדיג, כאָטש זיי זיינען געווען איין איינציגע צווישען הונדערטע, האָבען זיך זייערע שטימען געהערט הויך און מעכטיג איבערן גאַנצען לאַנד. און גערעדט האָבען זיי שטענדיג וועגען יענע פּראָבלעמען, וועלכע די הונדערטע קאַנדידאַטען פון די אַנדערע פּאַרטייען האָבען אויסגעווייכט, פאַרשווייגען — פראַגען וועגען שולז און גערעכטיגקייט און יושר פאַר די מיליאָנען אַרבייטענדע און שאַפענדע מאַסען.

ווי אַזוי איז דאָס געשעהן?

געוויס האָט מען עס ביז אַ גרויסען גראַד געהאַט צו פאַרדאַנקען די פּערזענליכקייט פון די צוויי סאָציאַליסטישע פאַרשטעהער, זייער אויפריכטיגקייט, מוטה, איבערגעבענהייט און אידעאַליזם. אָבער דאָס אַליין וואָלט ניט געקענט ברייגען דעם רעזולטאַט. ווען די צוויי מענשען וואָלטען געהערט צו די אַלטע פּאַרטייען, וואָלטען זיי גלייך פון אָנהויב געקראָגען דעם אולטימאַטום, ענטוועדער צו פאָלגען די מאַשין, אָדער שטעלען זייער פּאָליטישע קאַריערע אין קאָן. העכסט וואַרשיינליך, וואָלטען זיי אָנגענומען די צווייטע באַדינגונג און זיי וואָלטען שנעל אַראָפּ פון דער פּאָליטישער סצענע.

לאָנדאָן און בערגער האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו באַנוצען דעם קאָנגרעס פאַר זייער פּלאַטפאָרמע צו קעמפּפען פאַר די אינטערעסען פון פאָלק דערפאַר וואָס הינטער זיי איז געשטאַנען אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט זיי געשטיצט און געהאָלפען מאָראַליש, דערפאַר וואָס הינטער זיי איז געשטאַנען אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיי געהאַלטען פאַרבונדען מיט דעם פאָלק, פאַר וועלכען זיי האָבען געקעמפּפט. געגען זיי זיינען די פּאָליטישענס אין דעם „הויז" און אין וואַשינגטאָן געווען הילפלאָז. צו זיי האָט מען זיך געמוזט צו הערען. די פּאָליטישענס האָבען געוואוסט, אַז די צוויי פאַרטרעטער געהערען צו אַ גאַנץ אַנדער קאַטעגאָריע ווי זייערע אייגענע, אַז די מענשען זיצען ניט אין קאָנגרעס דורך דעם זכות פון פּאָליטישע באָסעס, אַז זיי זיינען ניט אויסגעקליבען געוואָרען פון אַ הייפעלע פּאָליטישענס, אָהן דעם ווילען און אָהן דעם וויסען פון די וואָטערס. זיי האָבען געוואוסט, אַז די צוויי פאַרשטעהער קומען פון פאָלק, און

די פּאָליטישענס אין דעם „הויז״ האָבען געוואוסט, וואוטערס וועלכע האָבען זיי אהין געשיקט, האָבען עס געטאָן דערפאַר, וואָס זיי האָבען געוואוסט ווער זיי זיינען, דערפאַר וואָס זיי האָבען געהאַט צו זיי דעם ווארימסטען און פולסטען צוטרויען. די פּאָליטישענס אין דעם „הויז״ האָבען געוואוסט, אַז אויב זיי וועלען פאַרשטיקען די שטימע פון די צוויי סאָציאַליסטישע פאָרשטעהער, וועלען די בירגער אין די דיסטריקטען און זייערע טויזענטער פאַרעהרער איבער'ן גאַנצען לאַנד פאָדערען דין וחשבון.

און זיי האָבען ניט געוואַגט דאָס צו טאָן. זיי האָבען ניט געוואגט צו פאַרשטיקען די שטימע פון מאיר לאָנדאָן אפילו אין יענע יאָהרען, ווען דאָס גאַנצע לאַנד אין געווען פאַרריקט פון שאָוועניזם און די גאַנצע פרעסע האָט געהעצט נעגען איהם, פאַר זיין אָפּאָזיציע צו דער מלחמה. פון דעם ערשטען טאָג, וואָס ער איז אין קאָנגרעס אריין איז דעם לעצטען טאָג, וואָס ער האָט דעם קאָנגרעס פאַרלאָזען, איז ער געווען איינער פון די אנגעזעהענסטע, איינער פון די וויכטיגסטע מיטגלידער. לאָנדאָן'ס וויכטיגסטע רעדעס אין קאָנגרעס זיינען געווען איבער אזוינע פראַגען ווי אינשורענס פאַר ארבייטסלאָזע, פּענסיעס בער אזוינע פראַגען ווי אינשורענס פאַר ארבייטסלאָזע, פּענסיעס פאַר אַלטע, שוץ פאַר קינדער, שוץ פאַר נעגערס. ער האָט אין זיינע רעדעס געפאָדערט העכערע ווייזשעס פאַר רעגירונגס־אַנגעשטעלטע, הילף פאַר פאַראַרימטע פאַרמערס, הילף פאַר די אַרבייטער פון אזוינע פאַרקריפּעלטע אינדוסטריען ווי קויהלען און טעקסטילס. דאָס זיינען געווען זיינע טעמעס, מיט דעם האָט ער זיך אינטעסעסירט און פאַר דעם האָט ער געקעמפּפט יעדען טאָג, וואָס ער איז אין דעם „הויז״ געזעסען.

און דאָס וואָס לאָנדאָן און בערגער האָבען געטאָן אין קאָנגרעס, וועט יעדער סאָציאַליסטישער פאָרשטעהער טאָן. דאָס „הויז״ קען צוריק ווערען די טריבונע פון פאָלק, אויב דאָרטען וועלען זיצען פאָרטרעטער פון פאָלק, פאָרטרעטער געשיקט פון פאָלק, פאָרטרעטער נאָמינירט און ערוועהלט דורך דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

לעזט און פאַרשפּרייט דעם

„וועקער“

אָרגאַן פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד.—אינטערע־סאַנטע אַרטיקלען, וועגען סאָציאַליזם, טרייד־יוניאָניזם, ליטעראַטור און ערשטע קלאַסישע פּובליציסטיק.

$2.50 אַ יאָהר.

שרייבט „וועקער“, 175 איסט בראָדוועי, ניו יאָרק.

„לענין“

פון ד. שוב.

דער מענש, דער רעוואָלוציאָנער, און דיקטאַטאָר. אַ פּאָליטישע ביאָגראַפיע פון דעם קאָמוניזם. אויב איהר ווילט זיך גרינדליך באַקאַנען מיט דעם קאָמוניזם לעזט דיזען בוך.

קאָסט $1.25.

צו באַקומען אין פאַרלאַג „וועקער“ 175 איסט בראָדוועי, נ. י.

„סאָוועט רוסלאַנד“

פון נ. כאַנין.

די קריטיקער זאָגען פאָלגענדעס איבער דעם בוך:

„פאָרווערטס“.— „איך בין זיכער אַז אַזוינע ביכער ווי כאַנין'ס וועגען רוסלאַנד זיינען דאָ זעהר וויניג. ניט נאָר אין אי־דיש, נאָר אין אירגענד וועלכער אַנדער שפּראַך.“

„מאָרגען זשורנאַל“.—„דאָס בילד וואָס נ. כאַנין מאָלט איז אַ טרויעריגס. דעם מאַטעריאַל האָט ער גוט געזאַמעלט און גוט צו־נויפגעשטעלט, הלואי וואָלטען דאָס אַזוי געטאָן אונזערע געשוואָ־רענע מליצים און היציגע פאַרטיידיגער פון קאָמוניזם.“

„פאָרווערטס“ (ענגלישע זונטאג אויסגאַבע). — „כאַנין האָט דאָס לעבען אין רוסלאַנד זעהר גוט באַאָבאַכטעט. וואוהין ער איז נאָר געקומען האָט ער געהאַט באַקאַנטע און פריינד. ער האָט דאָס לעבען דאָרטען געזעהן און דאָס גלענצענד באַשריבען.“

„וועקער“.—„עס קלינגט מאָדנע, אָבער די גרעסטע סענסאַציע פון כאַנין'ס באַשרייבונגען איבער רוסלאַנד זיינען באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט אין רוסלאַנד אויסגעפונען דעם מענשען.“

דאָס בוך קאָסט אינגאַנצען 1 דאָלאַר.

ווענדעט זיך צום פאַרלאַג „וועקער“, 175 איסט בראָדוועי, נ. י.

ISBN:0-657-04814-3